Heft 1, 1940

# ימים נוראים

## שנת ה׳ תש״א. לאנדאן—ווייטשעפל.

### א. נ. שטענצל.

---

## יום הדין

שטייט די גאַנצע וועלט צום דין היינט צו טאָג,
געמשפּט צו ווערן אויף טויט און אויף לעבן:
ס׳צאַפּלט דאָס האַרץ פון דער וועלט, אויפגעציטערט,
מיט הכנעה און מיט אַזויפיל פאַרגעבן —

ווער קאָן דען אָפּוועגן די זינד פונם מענטש,
אַז ער איז איינגעטונקען אין אַזויפיל נויטן?
און ווער־א קאָן דערפילן די יסורים
פון איינאיינציקן געפּלאָגטעם טויטן?

און דער שלעכטסטער מיינט ער גיסט דאָס בעסטע?
און גוטס צו טון — אפילו דער זינדער?
ס׳גייט דער מענטש אַרום אויף דער וועלט
מיט אָפענע אויגן אַ באַבעלמטער בלינדער!

אַלץ וואָס ער טוט איז אַ מאָפּן נאָר מיט הענט,—
און ווייסט ער דען וווהין מ׳פירן די וועגן?
דאָס לעבן איז אַ צוקנדיק גערענגל,
מיט בלוטיקן מ׳טאָר־נישט און מ׳מעגן!

און אַז גאָט גופא האַלט די וואָג־שאָל אין האַנט,
זיין האַרץ צומאָל וועט צעריסן איצט ווערן —
עס צוקט דאָס צינגל אַנאויפהער אַזוי,
פון אַזויפיל בלוט און זידיקע טרערן!

שטייט די גאַנצע וועלט צום דין היינט צו טאָג,
געמשפּט צו ווערן אויף טויט און אויף לעבן!
ס׳צאַפּלט דאָס האַרץ פון דער וועלט, אויפגעציטערט,
כביכול אַליין זיין זינד צו פאַרגעבן — — — —

# טעלברי

## I

אַ ריז אַזאַ אויף ברייטע פיס אַוועקגעשטעלט,
מיט אַ פּאָר אויפגעהויבענע פּלייצעס פעסט און ברייט,
אַ מעסער פון יעדער כאַלעווע אַרויסצוציען!
אַ געלאַדענעם פּיסטויל אין יעדער קעשענע גרייט!

איינגעהילט אין ברייטן, אין געפּאַלדעוועטן שינעל,
גאַנצע טעג און נעכט צו שטיין אַזוי אויף וואַך;
איבערן מוטיק־צעשטרעקטן קאָפּ די עראָפּלאַנען —
בייטשן־צעפּאַכעטע טויבן איבער אַ טורעם דאַך!

די פּעלצענע קוטשמע איבער די אויגן אַראָפּגערוקט —
ס'שטיקן זיך פון די דאַקס אינם פלאַמיקן רויך!
די געפּוצטע קאָקאַרדע, גראָד איבער דער נאָז,
שטייט די פולע לבנה אין צעניט, אין דער הויך.

איז ער נישט איינער פון דער קעניגליכער גוואַרדיע!
אין ציגל־רויטן לייב־ראָק מיט די בלינקענדיקע קנעפּ?
שמירה שטייט ער ביי די טויערן פון דער טעמזע,
און ווען מאַרשירן — איז איבער לייבער און קעפּ!

זאַמלען זיך די געסלעך אונטער זיינע פּלייצעס
מיט קינד און קייט, מיט די בעבעכעס און מיט שרעק,
און אַז זיי הויבן אויף די דערשראָקענע בליקן
איז זייער גאַנצע מורא אויף איינמאָל אַוועק —

פון גאַנצענע דורות אַנגעדרוקטע מאַזאָליעס
איז דאָס געניטע געבעלק איבער זייערע קעפּ!
די אייזערנע סטעמפּעס, די געקאָוועטע שינעס —
מוסקל־געפלעכט אונטער פייערדיקע האַמער־קלעפּ!

דעם סאָלדאַטסקע ראַניעץ אויף די ברייטע אַקסלען
טראָגט ער ריזיק דעם געביי מיט שטאָק איבער שטאָק;
די שפּייכלערס ביי דער זייט — די קוילן־קעסטלעך! —
אויף פּאַסעק אַזוי ברייט אַרומגעגאַרטלט אַרום ראָק.

און זאָל נאָר קומען ווער, און זאָל נאָר וואַגן עמעץ,
ער וועט זיינע פעסטע אָרעמס געבן אַ צענעם — — —
יאָ, ער שטייט דאָ אַ וואַרטנדיקער גולם אַזאַ,
אונטערקלעבן אים אונטער צונג דעם הייליקן שם.

## II

„אַ וויסטער בייזער חלום אויף אַלע מיינע שונאימס קעפּ״
שווענדזשענדיקע מענדעוויסקעס אין אַ קרייז אַרום
ליגן שוואַרצע און קראַצן זיך אין קרייזל־קעפּ,
זווערעמלעך ביי אַ נאַשער־קינד אין ווי־הייסט־מעס
כאַפּטעס ווייסע אונטער גאָטיש־געוועלבטע סקלעפּ.

ראַיענדיקע טאַראַקאַנעס, קריכנדיקע ווענצלעך
אַריינצוכאַפּן זיך ווו אין אַן אָפענעם שפּאַלט — —
אַ גאָטס־רחמנות נעבעך אויף אונז אַלעמען,
ווען ווי אַ מגפה אַזאַ אימה אונז איבערפאַלט.

רעגן־ווערם פון דער ערד אַרויס אַרויסגעראַיעט,
אויפגעפּיקט צו ווערן פון אַ פויגלישן דזשוב,
ליגן מיר דאָ מיט מאַן און ווייב, מיט קינד און קייט
און מיט געראַטעוועטן פון ברענענדיקער שטוב.

יאָ, ווי די הערינגלעך אין די שאַכטלעך קאָנסערווען,
ווי די פּעסטלעך מאַרגערינע צום ביליקן פאַרקויף,
אַרום דאָ אין די שפּייכלערס, אין די פולע סקלאַדעס,
אָפּצוליווערן אויף אַ בלויסן אַן אַדרויף — — —

מיט זיין בעטגעוואַנטל ס׳סופּרל דאָ פון געסל
זיצט זיך אויך דאָ־ערגעץ אין דעם מענטשן־געמיש,
קראַצט עס זיך נעבעך די צעשויבערטע פּיאה:
די גענזענע פּען געלאָזן אין דער היים אויפן טיש! . . .

אין פוכענע קושנס, אין געשליסענע דוכנטלעך,
נישט צו געפינען איז אַ פעדער אויפצושרייבן אַן אות!
און אַן אַ מזוזה אויף טיר, אַן אַ קמיעה אויף האַלדז
די סופּרטעס שוואַך האַרץ פאַלט איין פון יעדן שאָס.

אַ שטיקל פּאַרמעט, אַ געשורהטס, אַ געווירעטס,
ס׳איז יעדעס פּנים — נאָר דער שם דעראויף איז נישטאָ!
אָ, וואָלט ער נאָר געהאַט איצט זיין גענזענע פען מיט זיך,
איבער אונז ס׳וואָלט אַריבער אַצינד די בייזע שעה — — —

ליגן מיר אַלע דאָ מיט ווערטער אויף שפּיץ־צונג,
יאָמערלעך אויפצושרייען מיט זיי יעדע מינוט!
יאָ. הייליקער שם פאַר שטומער, פאַר גולמשער צונג
מוז געשריבן ווערן מיט שרעק און מיט מענטשלעך זידיק בלוט.

## III

שטייט ער אַזוי אַ בלאַסער, אַ נישט אויסגעשלאָפענער,
פון אַ גאַנצע נאַכט וואַכן, אויף באַפעל צו זיין גרייט?
צי פון נצחונדיקן הוליען ביז זון־אויפגיי
די קאַקאַרדע וויל־יונגעריש פאַרשאַרט אויף אַ זייט?

ס׳איז די זון אין מזרח, זיגעריש דורך נעפלען,
שכור מ׳קאָן ווערן פון אַזאַ וווּנדערליכן אויפגאַנג!
אונטער דער קוטשמע אין די איבערלאָפענע אויגן
אַזאַ איינגעהאַלטענער באַהאַלטענער פאַרלאַנג —

ווי וואָלט ער זיך אַזאַ זעץ געטון, אַ צעקוועטש געטון,
אַ קאַזאַטשאָק אויפגעטאַנצט אויף ציטער פון קעפ!
נאָר איז ער דען נישט איינער פון זיי, בלוט פון זייער בלוט,
אָנגעטון בלויז אינם ראָק מיט די גלאַנצענדיקע קנעפּ.

נישט מיט כשרע געשניצטע, מיט פלעדערוויש פעדער,
אַן אַרויסגעפּליקטע פון אַ געשאָכטענער גאַנז,
נישט אויף שטיקל פאַרמעט, געשורהט און געווירעט
אַ הייליקער שם — ס׳שרייבט אַצינד זיך דער בילאַנס:

דרויסן אין די שלאַכטן די בעסטע און די שטאַרקסטע,
און מיר דאָ אין שרעק און אין עקל — פאַרוואָס און פאַרוועןן? —
זי טונקט זיך אין מענטשליכן בלוט, אינם זידיקן,
שטאָלענע פליגל פון עראָפּלאַן איז איצט די פען,

פונם לײדיקן געקלאַפּ פון די שרייב־מאַשינעס,
פון קרעדיט און דעביט און פונם מזומנעם געלד,
מיטן רויטן שטריך, מיטן פעטן, פעסט אונטערגעשטראָכן,
דער סך־הכל אונטער חשבון ווערט איצטער געשטעלט —

ס׳איז רעכן־טאָג, אויסגעצאָלט ס׳ווערט ביז לעצטער פרוטה!
און „עין תחת עין“ און „שין תחת שין“ — —
— — — — — — — — — — — — —
אַ ריז אַזאַ אויף ברייטע פיס אַוועקגעשטעלט,
ביי די טויערן פון דער טעמזע שמירה צו שטיין!

שטייט ער אַזוי פנים אל פנים מיט לעבן און טויט,
צו באַשיצן, צו באַהיטן, יעדע רגע זיין גרייט,—
ווי די זון אַזוי לויטער איז דאָס אייגענע רענדל
און נישט צו צעבייטן ווי דאָס לעבן פון קינד און קייט —

# דער אייביקער ייד

(פראַגמענטן)

א.

פון צער אַרומגענומען און פון אַזאַ פרייד,
און ביידע געמען מיין האַרץ אַרום צוגלייך —
די שפיגלדיקע זון איז מיין פרייד אין מיר,
און איך — דער כסדר יאָגנדיקער טייך!

טראָג איך זי אַרום מיט מיר אומעטום,
און זון־אויפגאַנג איז אין מיר און פאַרגיי,
און אין איר צעשפּילטן ליכטיקן אָפּשיין
פאַרבלוטיק איך מיט מיין אייביקן וויי.

און אין טויזנטער שפּליטער אין ווילדן געדריי,
אויף מאָלנדיקן, אויף יאָגנדיקן מיל־ראָד,
און אין יעדן עמער וואַסער אַרויסגעשעפּט —
די אַרויסגעשעפּטע זון איז מיר אַזאַ שאָד!

און פון יעדן פאַלנדיקן שטיין אין מיר,
אויפגעציטערט ס'ווערט יעדער טראָפּן דערפון;
און ראָד־אין־ראָד אַזוי צערעדערט,
איז יעדעס טראָפּעלע קרייזנדיקע זון.

און יעדער שטרויכלניש, וואָס ליגט אינם וועג,
עס מאַכט נאָך רוישיקער און שנעלער דעם גאַנג,
יעדעס וועלעכל ווערט זוניק פאַרגילדיקט
און גיט אַרויס פון זיך אַזאַ לויטערן קלאַנג.

ב.

אנוכי תולעת ולא איש חרפת אדם ובזי עם

פונקט ווי דער וואָרעם אויף קרומער ווענטקע
פיש מיט אים צו כאַפּן אין מוטנעם טייך,
ער קורטשעט זיך, ער קרימט זיך, ער דרייט זיך —
צו אַזאַ מין לעבן איז אונזער'ס איצט גלייך!

מ'האָט אונז אויפגעשטאָכן און מיר צאַפּלען,
אַריינצובייסן אין אונז ס'איז יעדנס פאַרלאַנג
אויף קרומער ווענטקע זיי בלייבן הענגען —
מיט אונזער לעבנס־צאַפּל ס'גייט־אָן דער פאַנג!

מיט יעדן פריש געכאַפּטן, מיט יעדן פיש,
נאָך מוטנער דער טייך — פון זיין בלוטיקער וווּנד!
נישט די קרומע ווענטקע, די געשליפענע,
ס'איז דער וואָרעם גאָר פון פאַנג דער גרונד —

— — — — — — — — — — — — — —

אָבער פונקט ווי ס׳וואָלט די האַרטע שטייפע ערד
גישט געקענט אויפנעמען דעם פרישן פּאַרזיי,
ווען נישט אין אירע טיפע פינסטערנישן
דאָס ראַיענדיקע פול קרומעניש און פול וויי,

אַזוי מיטן אַרויסגעגראָבענעם וואָרעם
און מיטן פיש וואָס בייסט גיריק אין אים איין,
איז דאָס מוטנעדיקע, זיך מוטשענדיקע,
צו ווערן אַמאָל לויטערדיק נאָך און ריין.

ג.

„אדוני הוא אלהים״

און אַז די גאַנצע וועלט וועט חלילה פאַרקומען,
אַ פאַרחלשטע אונטער טריט ס׳וועט ליגן די ערד,
פאַרשקלאַפט יעדער מענטש, הכנעהדיק יעדעס האַרץ
און אַלצדינק וואָס הייליק, וואָס טייער צעשטערט;

אַלע פעלקער אין אייגענע זייערע לענדער
צאַפּלדיקע קעץ אין פינסטערע פאַרבונדענע זעק,
פון יעדן ערליכן מויל אָפּגענומען ס׳לשון,
פון איבערפאַלענעם פחד, פון אויסטערלישע שרעק;

וועט ער שטיין אַלץ אין זיין טלית, אַן איינגעהילטער,
און פון זיין ניכטערן האַלז, פון זיין הייזעריקער שטים,
אויפשווידערן ס׳וועט די וועלט, די ערד, ס׳האַרץ אין מענש:
„אדוני הוא אלהים, אדוני הוא אלהים!!!״

עס האָט אַלץ זיין גרענעץ, צו יעדער זאַך אַ גבול,
דאָס בייזע און דאָס שלעכטע ווי אַלצדינק האָט אַן ענד,
ווען צוזאַמענגעבראָכן אין זיינע טיפענישן
דאָס אָפּגעהאַרציקע האַרץ איז צום הימל געווענדט —
— — — — — — — — — — — — — — —

פון תפיסה, פון דער תליה אַראָפּ וועט ער קומען,
פון אונטער מעסער אַ פייער, פון אונטער דער ערד,
פון שייטערהויפן, פון צווישן די פלאַמען אַרויס —
פון יעדן ווייאיקן האַרץ אַרויס פון בענקעניש פאַרצערט!

ד.

איז דאָך גוט אַזוי צו גיין דורך דער וועלט,
מיט געדעכט, מיט גוטס, מיט געדאַנק און געבענק,
און אַלצדינג וואָס אין האַרץ, וואָס אין בלוט
פאַר אַלע מענטשן צום אייביקן געשענק.

איז דאָך גוט אַזוי צו גיין דורך לעבן,
געפאַר, צער, שייטער־האַלץ און שפּיז־רוט —

ווי וואָרט וואָס ווערט באַנייט און פריש געפּולט,
אַזוי איז דאָך האָרץ מיט קרייזנדיק בלוט.

נישט אַנצוקומען ווו, נישט צו דערגרייכן —
אין טיפעניש פון האַרצן נאָר צו דערגיין!
נישט משיג צו זיין, נישט צו דערגרונטעווען —
אַז מענטש מיט מענטש זאָל זיך קאָנען פאַרשטיין!

ווי פינסטערניש און ליכט, זיך יאָגנדיק,
זיי רינגלען אַרום אַנאויפהער די ערד,
אַזוי איז גוטסקייט, אַזוי איז שלעכטיקייט,
איינס דאָס אַנדערע פאַרצערט און דערנערט.

אָ, אַז אויסקלינגען אויף אונז, ווי אויף פּרוּוו־שטיין,
ס'מוז דער מענטש מיט זיין פאַלשקייט און זיין וואָר,
דאָס־אָ איז דאָך די אייביקייט און דער גרוזאַנג
געלייטערט אין אונז פון דור צו דור — — —

ה.

זיין אייביקע תפילה

אין אָ וועלט פון שנאה אַז איך לעב נאָך,
אַז ס'איז נאָך דאָ אָ סימן פון מיין געביין,
פון דיין דערבאַרעמדיקייט, פון דיין גוטסקייט
דער באַוויז איז דאָך דאָס שוין אַליין.

אָבער וואָס איז שוין צעפּלאָמטער שייטערהויפן,
פאַר דעם הייליקן נאָמען אויסצוגיין,
אַנטקעגן אייגענעם הארצן, צעפלאָקערטן,
אומענדלעך אויפגעלויכטן אין שיין פון דיין שיין.

נישט פון מיינע ביטערע יסורים אַרויס,
נישט פון מיינע שווערע ענוים און פּיין,
פון יענער פרייד וועלכע גייט אויף אין מיר,
דיך דערקענענדיק — טו איך דיך פאַרשטיין.

נישט מיט מיין נויט, נישט צומאָל מיט מיין טויט,—
מיט מיין פרייד וויל איך צו דיר דערגיין!
מיט מיין טראָט פון עק וועלט ביז עק וועלט,
צעבלוטיקט שוין פון יעדן שטרויכל־געשטיין.

און געטרעטן שוין אונטער אַלעמענס פיס,
איך בין טרויבן־זאַפט אין וויין אויסצושטיין,
מיט מיין פולן האַרץ פריידיק צוצעשוימען,
אַ בעכער, אַ געפּולטער — פאַר דיר איבערצוגיין.